STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08899

LIDER

Esther Sigal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר סיגאל

לידער

ארויסגעגעבן פון
זרבבל ברענטש 219, א. נ. א. פ.
1928
טאראנטא, קאנאדע

א

1937

פֿריהאַרבסט

פֿריהאַרבסט הייבט שוין אָן אויף די פֿעלדער צו קומען,
שניידט אָפּ פֿון זומער די זיידענע צעפּ
און פֿאַרוועבט זיי אין סאַמעטענע בלומען.
לאָמיר פֿאַרגעסן אין אַלץ וואָס פֿאַרגאַנגען.
אין דער האַרבסטיקער זון וואַקסן גאָלדענע זאַנגען —
רייס זיי מיר אויס, אָ, רייס זיי מיר אויס,
און דעק מיט זיי צו אונזער אָרימע הויז.
וועלן מענטשן פֿאַרבייגיין, קוקן און שטוינען:
אָט דאָ מוזן רייכע, פֿאַרמעגלאַכע וואוינען!
וועט איינער אַ פּרוּוו טאָן, אָן עפֿן די טיר
און וועט פֿרעגן ביי מיר:
וואו איז דער ווירט פֿונם גאָלדענעם דאַך?
וועל איך זיך צעלאַכן און לאַכן אַ סך, אוי, אַ סך —
אָט דאָ איז מיין מאַן,
פֿון גאָלדענעם דאַך מיטן שטיבל, די גרויס פֿינעף שפּאַן...
וועל איך זיי דערציילן, ווי גוט און ווי בראַוו איז מיין ליבער —
נאָך שטאַרקער פֿון שמשון הגבור.
זעט איר, מיין מאַן האָט געריסן דאָס גאָלד פֿון דער זון,
און אַ דאַך צו מיין שטיבל געמאַכט פֿון דערפֿון...

פרי אין דאָרף

פרי שטייט אויף די זון אין דאָרף
און וועקט מיט שלעפּערדיקע פינגער
די שלאָפנדיקע קליינע שטיבעלאך --
כאַפּן זיך צום ערשטן אויף די הינט,
און בילן געטריי אין די נידעריקע פענצטערלאך אריין...
און ווען איך קוק פון מיין דאָרפיש פענצטערל ארויס,
שטייט די זון שוין אויסגעוואַשן גרויס
און לאכט צום אלטן שינדל־דאַך אראָפּ.

אויפן ברייטן־מיט פון פעלד,
וואָס איז שוין ביי די זייטן האַלב פאַרגעלט,
גייט א באָרוועס שנגצ׳ל מיט אַן אלטן גוי;
א דערפרישטע אינם פריען זילבער־טוי,
גייט א שווערע לעבן זיי די ראַבע קו
און פאַרגייט זיך אין א לאַנגן מו־ו־ו.

עס שמעקט דער דאָרף מיט פרישע מילך און רייפן היי,
מיט פולער און מיט ברייטער רו, אין היימלאכקייט
קלינגט דאָס באָרוועסע טרעטן פון שנגצ׳ל און פון אלטן גוי.
נאָר איך בין איינע דאָ א פרעמדע אין זייער קאָן
וואָס הייבט ניט אָן צו ווייסן וואָס מיט רו צו טאָן...

שניטער

אך, דו שניטער!
ווי גראַציעז עס ליגן דיינע גאַרבן.
א קאָסע האָסטו פונקט ווי דו די גרויס,
שניידסט און שניידסט די זאנגען --
-- קעפּלאך פון דער מאמעס שוים...
די פעלדער ליגן נאקעטע און וויינען --
וואשן דעם שטויב פון די גארבן.
זאָג נאָר, ברוינער שניטער, דו!
האָסטו ווען געטראכט פון שטארבן?
און דער יונגער שניטער
פירט זיין קאָסע לינקס און רעכטס,
ס'קייקלט זיך איבערן פעלד א טיפער קרעכץ...
שניטצייט, שניטצייט:
זינגען פויגל --
עס קומען בייזע געסט
און די זאנגען פאלן, פאלן --
עס וועבט דער טויט זיין נעסט...

ערד

דו ביזט א גרעזעלע א קליינם:
זאגט מיר שטיל די ערד --
מיך האט גאָט געבענשט מיט פרייד און צער
בלי איך, און וועלק און דאר,
פרוכפער זיך און נער.
דו פרוי, מוזט וועקן אינם מאן אייביקן באגער --
אז ניט פארוועלקט זאל ווערן דער זאָמען אין זיין לייב;
דיר איז באשערט צו זיין א מאמע און א ווייב --
דו דארפסט פרוכטבאר זיין ווי בוים. ווי ערד.
גאָט האט מיט זיין אָטעם דיך גענערט --
אז דו זאלסט ניי לעבן פון דיין בלוט ברייגנען דורך לייד,
איך -- מאמע־ערד וועל נערן זיי מיט פיין און פרייד
און מיינע אָרעמס עפענען, זיי נאכן טויט . . .

אנטקעגן

כ'גיי אנטקעגן טאָג ארויס,
די זון פייערדיק און גרויס,
קוקט מיר גלייך אין פנים.
טרינק איך פון דער זון דעם וויין
און דרעמל אזוי זוניק איין. - - -

ווען איך גיי פון טאג צוריק,
א געצערטלטע פון שטראלן,
א געבאדענע אין פרישן טוי,
א געאיידלטע פון פיינען
בין איך מילד און גוט אזוי --
איז מיר ליב און היימיש יעדער שטעג,
און עס לאשטשען מיינע בליקן
יעדן דורכגייער ביים וועג . . .

טריפט א רעגן

ס׳טריפן לעצטע טראָפּן רעגן
פון ברעג דאך --
לויטערע בורשטין קארעלן
קייקלען זיך אראָפּ פון מיינע פענצטער־שויבן.

איז מיר ליב צו זיצן איינאליין אין שטוב
און ציילן טראָפּן רעגן,
גרויס און פול ווי טרויבן,
וואס וואשן אפּ פון שויב די לעצטע שטויבן,
איז גוט אזוי ארויסקוקן און טראכטן:
אז דער רעגן וועט אויך אפּוואשן
דאס שטויב פון הארצן . . .

אויפן וואַסער

אין א שיפל אויפן וואסער
שווים איך ווייט פון ברעג.
ווייסע מעוועס צייכענען מיין וועג.
און איך רודער זיך פאמעלאך,
שפיגל זיך אין קלארן טייך.
עס צעשניידט דאס שיפל מיר דעם שפיגל
אויף צוויי טיילן גלייך --
טרינקט זיך אין איין זייט דער שאטן
פון מיין זיצנדיק געשטאלט,
און אין צווייטן זייט פון שיפל
טוקט זיך פרום דער וואלד.

עס הענגט פארשעמט אראפ אן אָרעם
פון א קליינעם הויקערדיקן בוים,
וואשט דער טייך פון בוים דאס קראנקע לייב
מיט זיין אויפגעהעלטן שוים.
אינם קלאָרן פרישן וואסער
וואשט מיין אומעט זיך דעם פנים,
שווימענדיקע מעוועס מיינע --
ווייסע, ליכטיקע סמנים . . .

מיין פרייד

אן איידל פליגעלע -- מיין פרייד,
מיט פליגעלאך דין ווי רויך.
און איך בין מיט אזא שווער געמיט באלאָדן;
ווייל איך זיך אויפהייבן
אויף די פליגל פון מיין פרייד,
פאל איך צו דר'ערד.
און די פרייד —
אין שטויב מיט צעבראכענע פליגל
וויינט שטיל . . .

אין שפּיגל

אַז איך קוק זיך אינם שפּיגל איין,
זעט דער טאָג־פֿאַרנײַ
דאָרט אויס ווי ווײַן.

עס נעמט דער שפּיגל מײַן יעדן ריר
אַרײַן אין זיך,
און ווײַזט עס מיר.

דער ציטער פֿון מײַן יעדן גליד
שוועבט אום אין שפּיגל
עלנד מיד . . .

איך זע מײַן שטומען בויג פֿון קאָפּ
וואָס זינקט אין שפּיגל
טיף אַראָפּ.

סוף־טאָג, אינם שפּיגל־שײַן,
הילט מײַן קילער גוף זיך איין —
באָדט זיך מײַן געשטאַלט אין ווײַן,
אין זוניק רויטן ווײַנשל ווײַן — —

א נייע בלייפּען

כ'האב געקויפט א נייע בלייפען,
א העפטל שמאָל פּאפּיר.
אן איינזאם-ווינטערדיקער אָוונט
לאשטשעט זיך צו מיר —
ווי אן אָנגעפרוירן קעצל
זיצט ער פאר מיין טיר.
נו, קום אריין געטרייער חבר,
מיין איינציקער געגארטער גאסט.
כ'האָב א שפּאָגל-נייע בלייפען,
ווייס פּאפּיר, ווי שפּעטער שניי.
און דאס בלוט איז פול מיט לידער,
פול מיט ליבע אלע גלידער . . .
ס'זינגט דאס בלוט אין מיינע גלידער;
נאר ווי גראז זינגט אין א רעגן,
ווי די זאנגען אין די ווינטן,
נאר ווי טייכן אין די ברעגן.

שוואַרץ אויף ווייס

שוואַרצע שורות איינגעקריצט
אין ווייס פּאַפּיר —
קוקן פאַרדראָסיק אַרויס צו מיר:
נאַריש מיידל, ווילסט זיך שפּילן,
שטעלסט אונז אויס אין קורצע און אין לאַנגע רייען.
קענען מיר, אַזעלכע קליינע, דיין האַרץ דערפרייען?
אייביק־קינדעריש מיידל:
האָסט אַ הימל אַזאַ בלויען
מיט אַזוי פיל פּערלמוטער פליגל,
מיט אַזוי פיל העלע שטערן:
און אין האַרץ אַזוי פיל טרויער,
אין די אויגן פּערלדיקע טרערן.

קענען מיר, אַזעלכע דינע, שפּיציקע געשטאַלטן,
דיין גרויסע אומרו אין זיך האַלטן?
און דערציילן פון דיין ליבע,
וואָס וויל צו ערד, צו יעדן זעמדעלע זיך געבן;
צערטלען יעדן שטיין און שטיינדל,
יעדן בוים און שפּענדל —
נאַריש מיידל,
קענען מיר, אַזעלכע דינע, שפּיציקע געשטאַלטן,
דיין אומרו אין זיך באַהאַלטן? . . .

עדנע סיינט ווינסענט מילײ

װי אומעטיק עס װאלט געװען אָן לידער, –
טראכט איך, לײענענדיק
עדנע סיינט ווינסענט מילײ;

ס'טריפט פון איר האלב־דרימלענדיק געזאנג
אזא העל־זילבערנער שפּרײ,
וואס רוימט קאָקעטיש אײן אין אויער:
דארט – הינטערן אלטן הויז
וועל איך עפענען דעם טויער
צום פארלאזטן שלאס,
וואו עס שטײען טיף אין טויאיק גראז
די מאָכיקע דיוואנען.
דארף מען נאר א פיר טאן מיט דער האנט
זיך צו דערמאנען. –

און עס וועבן אירע דורכזיכטיקע פינגער
פלאטערדיקע לידער,
פיבערדיק געזאנג;
גאלד אויף זײד,
זײד און סאמעט.

און ווען זי וועבט שוין גאר
אויף פראסט געוואנט,
שטראמט אזוי פיל ווארעם ליכט
פון איר באדאכטער האנט.

און עס פליסטערט דאָס געוואנט
אונטער איר האנט:
װי אומעטיק עס וואָלט געװען
אָן לידער – – – –

טויער פון נאכט

טויער פון נאכט –
עפן זיך אויף
און פיר מיך ארויף
צום זילבערנעם בעט
פון דער לבנה.

צו לבנה דער וועג
איז דאך ריין, אזוי ריין:
ווי די טעג פון געבעט,
ווי די פעלדער פון מאָן, –
אזוי ווייס, אזוי ווייס,
ווי א ווייסע א זיידענע פאָן.

מיינע הענט זיינען פלינק,
דער גוף אזוי גרינג, –
ווי א בלעטל אין מאי,
אויף די פליגל פון ווינט –
צום בעט פון דער לבנה.

כ'האָב אין לוסטן געברענט,
האָב אין זיך זיי פארברענט,
איצט קום איך א ריינע
אין שניי־ווייסן העמד . . .

יונגע פרייד

– וואָס האָט די זון מיר געבראַכט ?
– ווינטער־שמייכלען, פּערל־רעגן
האָט די זון געבראַכט –
אינם פּורפּור – זונ'ס געשאַנק
צירן זיך די יונגע ביימער,
שמייכלען בלוי און ראָז די ביימער . . .

ס'ווערט א טייך פון פּערל-רעגן,
ס'האָט די זון א טייך פאַרשפּרייט,
באָדן ליבלאַך זיך די ביימער
מאַכן פול דעם טייך מיט פרייד . . .

גאָף איך אויפן שטומען וואונדער,
וואָס כישופט ארום מיר.
ס'עפּענען זיך ברייט מיינע אויגן :
וואָס האָט די זון געבראַכט פאַר מיר ?

אין גראָז

קליינע מיידעלאַך
אין זומער - קליידלאַך
שפּילן זיך אין גרינעם גראָז.

מיידעלאַך מיט שוואַרצע און בלויע אויגן
פלעכטן אויס א רעגנבויגן –
גרין און געל, פּיאָלעט און ראָז.
שוועבן מיידעלאַך
אין פלאַטער קליידלאַך
און יאָגן נאָך א האָז.

גרינג ווי בלעטער,
שוועבן מיידלאַך אום אין פעלד,
און דאָס העלע לאַכן
קלינגט פון בוים צו בוים,
זינגט פון וועלט צו וועלט . . .

ארויף בארג

כ'האָב היינט צום ראנד פון שטאָט די זון באגלייט,
דער האָריזאָנט האט זיך געקרוינט אין פורפור-קרוינען
און האט געגאסן לויטער גאלד. –
ווייסע וואסער ליליען פלאטערן אויף דעכער און אויף שויבן,
הילן מיידלש זיך אין פיאלעט וואואלן.

שפאציר איך מיר ארויף־בארג אין זומער־גרינעם אומעט,
עס קרייזט זיך ארום מיר דער בלויער אָוונט
און פלעכט זיך איין אין מיינע ברעמען . . .
כ'קלעטער העכער צום בארג־שפיץ,
ס'קאָלערט זיך די שטאָט אוועק פון מיינע פיס, —
דער קלאנג פון מיינע טריט דרעמלט איין אין טאָל . . .

א ליד

ווייסער שימער פון די בלעטער
בלענדט די אויגן מיר און בלענדט —
בלויע בלימעלאך פון קאָרן
ווערן פון דער זון פארברענט.

גראָז מיט גראָזן איינגעפלאָכטן
ציטערן פון לוסט —
זשומען, פלאטערן די גראָזן,
ווי קינדערש אויסגעשטרעקטע הענט.

אויף ווייסע פליגל

אויף ווייסע ווינגנדיקע פליגל
ווינגט איין דער טאָג
דאָס ליד פון פרייד.

אין בלויען זייד פון אָוונט
וועבט זיך אויס
דאָס ליכט פון טרויער. —

זינגען לידער
טאָג און אָוונט —
זינגען אויס די פרייד פון טרויער,

זינגט עס אלץ
ביי מיר אין הארצן,
און איך ווער אלץ דינער, בלאסער . . .

מ י ד

מיד זיינען מיר,
און פון מידקייט ווערן מיר גוט.
מיט שטילע טריט
גייען מיר אין שטוב ארום,
פון שטוב ארויס,
שטיל און מיד
גייסטו פארטאָג צו דיין טאָגיקער מי,
און קומט פארנאכט צוריק
נאָך שטילער – מידער – – –

מידע גלעטן דיינע הענט מיין קאָפּ,
זוכסט דעם טאָג אין מיינע אויגן –
אין א ווינקל פון פענצטער
שפּיגלט זיך א קילער דער טאָג
און באהאלט זיך
אין א פאלד פון פאָרהאנג.

צו מיר

צו מיר איז דער טאָג היינט געקומען א גרויער,
צו מיינע פענצטער ווען היינט שוין קיין פייגל ניט קומען,
וועל איך בענקען נאָך זיי אין באהאלטענעם טרויער.

וועט פאמעלאך דער טאָג אזוי ציען און ציען,
איך וועל מיר ליגן מיט מידקייט געבונדן,
ביז דער טאָג פאר דער נאַכט וועט א קליינינקער קניען.

וועל איך פאר דער נאכט מיינע אָרעמס אויסשטרעקן,
מיין קאָפּ וועט צו פינצטער זיך טוליען, און בעטן :
לאָז מיך דאָ רוען,
איך בין אזוי שטיל און וועל קיינעם ניט וועקן.

טרויער מיינער

אז דער גרויער אומעט
קריכט שוין אומעט
אויף די ווענט,
הייב איך אויף מיט געוואלד
מיינע פארשמאכטע הענט,
און צעעפן טיר און טויער,
טרייב פון זיך דעם טרויער. - - -

ווען איך אייביק אזוי טרייבן
טרויער פון מיין טיר ?-
און ער, טרעט ניט אפ פון מיר.

כ'וויל ניט מער פארזינקען ליגן
אין דיין וויכן שוים !
זאל ברענען מיך די זון,
זאל אטעמען אויף מיר דער פראסט
בייז און קאלט . . .
מיט דיר מיין מידער אומעט
ווער איך שטיל,
ווער איך קאלט . . .

אקעגן מיין פענצטער

אנטקעגן מיין פענצטער
צירט דער באַרג זיך
אין רויט־ברוינע שלייערן, --
אזא בייזער דער האַרבסט !
פאלן בלעטער צו דער ערד,
שעלטן און טרויערן . . .

אָטעמט איין דער בארג
דעם אומעט פון נאכט;
ס׳הייבן לאנגע שאָטנס
פון בארג זייערע קעפּ ארויס
און ציען אין דער ברייט זיך אויס,
ביים זוים פון בארג, פארטראכט . . .

וויגן זיך אום סיליועטן
אויפן פלאכן פעלד,
קניען פארן בארג און בעטן - - -
וויגט זיך אום איבערן בארג
דער אומעט פון דער וועלט . . .

זומער - פינאל

אויפן איינציקן בוים, אין מיין הויף,
האָט אויפגעבליט דער האַרבסט
אין הייסטן רויט,
און אָנגעשריבן:
זומער טויט. - - - -

שפּילט דער האַרבסט הינטערן פענצטער
אויף א דינעם פלייט.
ציטערן פעדעמלאך שפּינוועבס פון זומער
אויפן איינגעפאלענעם פּלויט.

ס'זינגען סטייעס פייגל
דעם זומער־פינאל,
פון ווייט שלעפּט זיך דער האַרבסט
געהילט אין א שאל.

ס'פארמאכן זיך טירן,
ס'קריפּעט הייזעריק א טויער,
וויגן זיך יידיקע פענצטער
פון א פארלאָזענעם מויער . . .

נאוועמבער

דער הימל באָדט זיך איצט
אין קראַנקן־רויט.
ס'פֿאַלן גראָזן איין
מיט שווערן דרעמל.
פֿון פֿעלדער שלעפּן קי דעם טרויער נאָך,
און מוקען אים אַרויף צום הימל.

דער אָוונט הייבט זיך שווער אַריבער ביימער,
דאָס בלעטער־וועלק
שמעקט פֿייכט און דומפּיק,
דאָס פֿאַלן פֿונם רעגן
לייגט זיך פֿויל.

ערשטער שניי

ערשטער שניי קומט לייכט באַפֿליגלט,
פֿלאַטערט איבער קעפּ און דעכער,
שטייען ווייסע ביימער הויך,
בליט פֿון ווייסקייט בלויער רויך.

ווייסע שוואַנען־פֿליגל
ציִען אויס זיך איבער גרינע טייכלאַך,
דעקן איין און פֿאַרזיגלען
לאַנגן שלאָף אויף גאַנצן ווינטער.

בלייבן גאַסן ליגן ווייסע, קילע,
מיט רוקנס יונג און גלאַט,
שניידן שליטנס איבער גלאַטע רוקנס
פֿון ווייסע שליאַכן שטילע —
קוקן וואָך די שניטן,
אָפֿענע נאָך יעדן שליטן.

מיין שטוב

מיין גאס און מיין שטוב,
מיין קינד און מיין מאַן.
— מיין גאנצער פארמאָג
איז נאָר עטלאכע שפּאַן.

פון מיין הויז צו דער וועלט
קוקט א פענצטער אין ווייט,
צו מיין אָפענער טיר
קומען אָרעמע לייט. —

גרייט איך דעם טיש
מיט ברויט און מיט וויין,
כ'צינד אָן א לאָמפּ
און רוף יעדן אריין.

מאן און ווייב

די טעג און נעכט
וואָס דרייען ווי א רייף זיך
ארום מאן און ווייב,
שניידן איין זיך טיף
אין זייער לייב . . .

און יעדער בלאט פון הייסן זומער
וועלקט און געלט
אין איבער־זעט פון מאן און ווייב . . .

ווייט איינער פון צווייטן
און תמיד אינאיינעם --
שותפות'ער עלנט
ניט אפן פאר קיינעם . . .

ביים ראַנד

ביים ראַנד פון בעט,
וואו מיר וועבן אונזער צווייזאַמען עלנט,
היימישט זיך איין דער טויט
מיטן לאַנגווייל פון אונזערע טעג . . .

ציטערן אָן שלאָף די נעכט,
און בלייבן זיך
אויפן שאַרף פון טויט . . .

שבעה

א גאנצן טאָג געוויינט,
און פּלוצים זיינען אלע שטיל געוואָרן,
גייט יעדער איינער אום איבערן שטוב
און קלינגט אויס זיינע טריט
פאר זיך אליין. —
עפּעס האט יעדערער פון זיך פארלאָרן . . .

אראָפּ —
צו דר'ערד ריידן אלע אויגן שטום
מ'וויל דעם טרויער ניט פארבייטן מיט קיין רייד.

אין לעצטן שטראַל פון טאג
וואָס גנב'עט זיך ארויס פון הויז
וויגט זיך אום
דאָס ווידער־קול
פון א פארלאָרענעם אקאָרד . . .

דער טויט

דער טויט קומט צו גיין
מיט געמאָסטענע טריט,
און קלאַפּט ניט אין טיר
און עס הערט קיינער ניט.

שטיל איז זיין גאַנג
ווי דאָס גיין פֿונם שניי,
און די האַנט פֿלינק –
ווי די קאָסע אין היי.

ער זינגט ניט ביים שניט,
ווי דער שניטער אין פֿעלד;
זיין פֿעלד איז גרויס –
די גאַנץ־גאָרע וועלט . . .

שניידט ער און שניידט,
שניידט און פֿאַרוויט;
עס איז זיין שניט
מיט געזאַנג ניט באַגלייט . . .

איבער קברים

אויף יענע קברים,
וואו עס שטייען קיין מצבות ניט,
ליגן גאָר־קליינע קינדער —
ערשט געבוירענע,
וואָס האבן נאָך קיין נעמען ניט געהאט.
פון יענע קליינע קברים
שפּראָצט ארויס
העל־זיידן גראָז,
און זינגט דין.

ווינגט זיך אום דאס זינגען
איבערן פלאך פון פעלד —
און ווייט פון פעלד צום שטאָט,
צו מיין שטוב —
און לאָזט זיך אויס
לעבן מיין פאראיינזאמטער שוועל . . .

איך וועל קומען . . .

און קומען וועל איך,
אין א זומער־טאָג,
אין ווייסע קליידער,
מיט קאָרן־בלומען און וואסער־ליליען
וועל איך די דרעמלענדיקע ערד באדעקן.
פון די קליינע קברים
וועל איך די שלאָפנדיקע קינדער וועקן:
זעט,
איך בין ווייס און קליין ווי איר,
בין שפּילן זיך מיט אייך געקומען –
כ׳וועל אויספלעכטן א וויג פון בלומען,
וועל אייך זינגען
און פארוויגן
מיט מיין מאמעס ניגן –
איילי ליולי ליו . . .

א מינוט אזא

— ? וואָס זאל איך טאָן
אז עס טרעפט זיך א מינוט אזא
ווען עס באפאלט מיך אזא ווילדע פרייד,
און אלע הימלען ווערן פאר מיר אָפן ברייט,
ווער איך פול מיט לויטער ליכט
— גאָר אומגעריכט
וויל איך עפענען מיין הארץ,
וואָס שוימט מיט פרייד,
. . . צו יעדערן וואָס קומט מיר אויפן וועג

און אפשר גאָר מיט לייכטע טריט
זיך צו'גנב'ענען צו מיין מאמעס בעט,
וואו זי ליגט א וואכזאמע
: ביז האלבער נאכט
אריינגעמען איר באזילבערט קליינעם קאָפּ
אין מיינע הענט,
— דריקן צו מיין אויפגעזונגען האַרץ
און מיט מיין פרישן אָטעם
און העלע רייד
איינוויגן איר וואכן גוף
. . . אין מיין מינוט פון פרייד

ווייטע שטעט

ווייטע שטעט, איר זענט מיר נאענט, —
כ'האב פארשפרייט אין אייך
מיין עלנט.

פרעמדע גאסן, איר זענט מיר היימיש,
כ'האב פארזייט אין אייך
מיין ערשטע בליאונג.

דאָ אויף מיין מאמעס קבר
בליען יונגע ביימלאך,
קלינגט צו מיר
פון די דינע ריטלאך
מיין מאמעס גוטע רייד:
זעסט מיין קינד אוים מיד פון וועג,
לייג זיך שלאפן . . .

— שא - שטיל —

כ'האב געח'לומט:
ווייסע לאנגע פינגער ווייגען אויף מיין פענצטער,
שפילן אויף מיינע אויגנדעקלאך —
שטיל און לייכט, מיך ניט צו וועקן.

אט הערט דאס שפיל אויף,
פיל איך אויף מיין קאפ
דאס געטרייע גלעטן
פון מיין מאמעס ריידן:
שא־שטיל־שא־שטיל . . .

און דעם אומעטיקן ניגן פונם רעגן,
וואס וויינט הינטער דער וואנט,
מיין מאמעס ווייסע, ווייטע האנט,
אירע אומזיכטיקע טריט איבערן דיל —
און שא־שטיל — — —

אין חלום

עס קומט מיין באָבע ביינאכט
מיר דערציילן –
אז טעג גייען אָפּ און פאַרגייען,
און בלייבן פארגליווערט
אין קאלטע פיר איילן . . .

אז די טעג מיינע פולע,
און בליענדיק-גרינע
זאָלן אין קאלטע פיר איילן פארפרירן –
טוט אזוי ווי מיר
און וועקט אין מיר מורא.

איך קוק צו דער באָבע
מיט קינדעריש דערשראָקענע אויגן :
דערצייל ניט, אָ, באָבע,
דערצייל ניט . . .

דער מאמעס ליכט

מיין מאמעס שבת-ליכט האָבן אויסגעברענט, . . .
צינדט מיין שוועסטער ליכט אין אירע לייכטער.
קנייטשט זיך
אויף מיין שוועסטערס יונגן קאָפּ
דער מאמעס זיידן טיכל.

איך, צינד קיין שבת-ליכט ניט אָן,
האָב קיין לייכטער ניט,
און זעלטן ווען א שבת . . .

האָב איך אָנגעצונדן מיר א ליכט
פאר מיין מאמעס ווידער-לאנגן לעבן –
ברענען מיינע וואָכן-טעג
אין בלויען פלאם,
און זינגען שירה.

מיין מאמעס לייכטער

מיין מאמעס אנדענקען

אלע־פרייטאג־צו־נאכט טוט מיין מאמע אן א ווייס־זיידן טיכל,
וואס ליגט א גאנצע וואָך פארשלאסן אין קאמאָד,
לייגט מיין מאמע א ווייסן טישטוך אויפן טיש
און צינדט אן זיבן ליכט אין זיבן מעשענע לייכטער –
ווערט ווייס־חלומ׳דיק אין שטוב ביי אונז, און שטיל,
ווײנט מיין מאמע שטיל בענטשנדיק ליכט. — — — —

שטייט א ליידיקער מיין טאטנס קדוש־בעכער, שוין צוויי־און־צוואנציק יאָר
און עס מאכט מיין מאמע קדוש איבער חלה אלע פרייטאג־צו־נאכט.
שטייט א קדוש־בעכער צוויי־און־צוואנציק יאָר,
אָן וויין, אָן בראנפן און אָן דעם טאטנס ברכה . . .

ס׳קוקן פרעמד אויף מיר די פייערן פון די שבת־ליכט
און טוקן זיך און ציטערן פאר מיין הויך.
צאנקט און צאפלט זיך מיין וואָכעדיקע ארעמקייט
אין די פייערן פון די שבת־ליכט.
זיפט זיך פייער־שטויב, שבת־שטויב אויף מיין טונקעלן שאָטן,
וואס לויערט אויף דער ווייסקייט
פון מיין מאמעס הייליקן חלום . . .

פון די קנייטשן פון מיין מאמעס מעשענע לייכטער,
קוקן ארוים אזוי פיל אויסגעווײנטע אויגן, קוקן פרום און בעטנדיק:
מיר זיינען זינדיק, אזוי זינדיק, קינדער,
און ווער עס בענטשט נאר ליכט דעם ווערט גאט אין הימל בענטשן
און אויפלייכטן וועט הויך דאס מזל;
בענטשט מיין מאמע ליכט אין זיבן מעשענע לייכטער
אלע פרייטאג־צו־נאכט. — — — —

ווייטע היים

פון בערגל אָפּגעווייטע יאָרן
שטעלן זיך געשטאלטן אויף,
ריי נאָך ריי.
און איך צווישן זיי –
א דרייצן יאָריקע פארשייטע מיידל
פארלאָז די היים, –
און מיין געליבטן בארן־בוים.

ס׳גייט די מאמע מיך באגלייטן
ביזן בריק.
ביים זייט פון וועג
גייט זי איינגעבויגן אליין צוריק.

ווען דער וואָגן איז שוין ווייט
הינטערן שטאָט געווען,
האָב איך פון ווייט געזען: –
דער אָוונט האט זיינע טונקלע צווייגן
אויפן שליאך געלייגט;
און מיין מאמע, ווי א קליינער דאָרן,
האט זיך צום וואָגן נאך גענויגט . . .

ב

דו

ביזט געקומען מיט זון און געמיט,
האסט באהעלט און באזעלט
מיינע לײדיקע טעג.
איצט בליען די טעג מיינע,
פולע, מיט ליבע באלאסט;
מיין שיף אין דיין האַפן געאַנקערט,
עס קוקט הויך און פארחלומט דער מאסט.

צאם אפּ פון די כוואליעס דיין האַפן,
שנייד אפּ פון די ים'ען דיין וועג;
צינד אן אין שיף אונזער יום טוב,
אט דא אויף דעם איינזאמען ברעג.
לאמיר אזוי זיך פארטרינקען —
איינער אין אנדערנס פרייד,
איינער אין אנדערנס צער,
איינער אין אנדערנס רייך;
און ווען עס נעמט אונזער יום טוב זיך טוקן
לאמיר זיך אויסלעשן גלייך . . .

אויף ווייטע וועגן

בעטסט מיך איך זאָל דיך פארלאָזן,
ועסט אפשר רואיקער ווערן –
נו, האָב איך היינט פארלאזן דיין הויז,
ביזטו כאָטש רואיק געוואָרן ?

ס'איז שווער מיר געזועגן זיך צו שיידן,
דאָך וועל איך צוריק שוין ניט קומען –
כ'וועל איבער וועגן ארומגיין,
וואו איך בין שוין לאנג ניט געגאנגען,
וועל לאָזן זיך האלזן
פון פעלד און פון זאנגען . . .

כ'וועל מיין ליבע צו שיינקען
צו נאקעט־פאראיינזאמטעביימער,
איך שווער דיר אז איך וועל ניט וויינען,
נאר בייַנקען א שטילע,
נאר בייַנקען. - - - -

גערופן

כ'האב גערופן דיך
אין חלום און אין וואָר.
ביזטו געקומען
אויף קורצע שעה'ען נאָר . . .

האָסט פול געמאכט מיין הארץ
מיט שרעק און טיפן גלויבן —
קען מיין הארץ איצט בייז ניט זיין
נאָר ליב האבן און לויבן . . .

כ׳קען ניט בעסער זיין

כ׳האב דיך ליב, און וויל דאס ניט זאגן,
און אז דו רעדסט צו מיר מיט שארפע רייד,
וועל איך מיט א געהויבענעם קאפ
דאס בייז פארטראגן . . .

ווייל מיר איז גוט צו זיין וואס איך בין,
און ליב האָבן דיין ריידן און דיין שווייגן,
און צערטלען יעדן קוש דיינעם,
ווי דער הארבסט די ברוינע צווייגן.

לאז מיר וויקלען מיינע הענט ארום דיין האלז
און אויסקושן דאס בייז פון דיינע ליפּן —
נאר זאג מיר ניט איך זאל בעסער ווערן,
כ׳קען ניט צוזאגן און ניט באשווערן, —
מיר איז גוט צו זיין ווי איך בין:
ווי דער פויגל, ווי דער רעגן, ווי די בין,
און ליב האבן . . .

אינאיינעם

איז אונז שווער אינאיינעם,
וועל איך לאזן דיך אליין.
איבער אונזער עלנט שוויינן
ווינט זיך קינדערשער געוויין.

כ'וועל ווינן זיך אינאיינעם
מיטן וויינענדיקן קול,
וועל זוכן מיט פארמאכטע אוינן
אונזער קינדס פארטייעט קול . . .

זוך מיך ניט אויף דיין געלעגער
מיט שלאָפנדיק־פארביינקטע הענט ;
ווייסטו דען ניט ?
ווייסטו דען ניט ?
אז די ליבע האט מיך פארלענדט . . .

באקראנץ מיין קאפּ

איך האָב פארזייט מיין יונגע ליבע
אויף ווייטע פליינען,
אויף ניט־צעאַקערט פעלד –
נידריק בא דר'ערד
זיינען אויפגעגאנגען
דערנער קליינע.
ריים זיי אויס,
און פלעכט אויס
פאר מיין קאָפּ א קראנץ . . .

אין לוסט

אפן ליגט דער טייך צו מיינע פיס
און קושט דעם זוים פון מיין קלייד
מיט גליענדיקער לוסט.
תאוה'דיקע וואסער־הענט
שטרעקן זיך,
און נעמען מיך ארום מיט הונגעריקער פרייד —
רייסן פון מיר אראפ
קלייד נאך קלייד — — —
— — — — — — — —
נעם מיך! — טרינק מיך אויס,
זאפ מיך איין,
און זינג מיך אויס
צום ווייטן אקעאן . . .

גיב מיר די לבנה

כ׳גיי מיט דיר פון שטאָט אַרויס
אין נאַכט אַריין.
די לבנה איז געל און העל
און גייט צו אונז פון באַרג אַראָפּ.

רעדסטו צו מיר
פון טויטע פריינט –
ציט אַ וואָלקן איבער דיין געזיכט,
און גאָר ווי אומגעריכט
פאַלט אויף אונז דאָס ווייסע ליכט פון דער לבנה.

קוקסטו צו מיר:
איך האָב דיך ליב.
אַזאַ קליינע טוליע איך זיך צו דיר –
גיב מיר די לבנה. — —

אויפן וועג

וואָס פאַר אַ בייז האָט דיר באַגעגנט
אויפן וועג אַהיים? —
ביזט אריין אין שטוב געבויגן־קליין,
האָסט פאַרמאַכט די טיר
קוים וואָס מ'האָט געהערט.

ביים טיש ביזטו געזעסן ווייט
און אראָפּגעקוקט פאַרקלעמט
אויף דיינע בלייכע הענט.

אַ גאַנצן אָוונט האָסטו ניט גערעדט
און א שטילער זיך געלייגט
אויפן ברעג פון בעט . . .
וואָס פאַר אַ בייז האָט דיך באגעגנט
אויפן וועג אַהיים?

אין קריג מיט דיר

מיט דיר אין קריג צו זיין
איז דאך אזא וויסטע פיין, —
דו, א שווייגנדיקער,
מיט א בלייכן פנים.
ברומסט א ניגן שטיל,
דורכן ניגן וויינט דיין הארץ
און דו אליין ביזט איידלסטער געפיל.

כ'בין בייז און צארנדיק —
סם איך מיטן צארן מיין אייגן בלוט;
און ווען דו גייסט פון שטוב אוועק
ווער איך אזוי אומבאהאלפן גוט . . .

און אז דו קומסט צוריק,
ליגט שוין אויפן שוועל,
ווי א פארוואונדעטער הונט,
דער שאטן פון אונזער קריג.
איך, ביים שיין פון קליינעם לאמפ,
גרייט צו אוונט־ברויט
פאר מיר און דיר . . .

יונגער ווײַן

מײַנע קוואלן יונגער ווײַן
האבן אין דײַן הארץ זיך אנגעשלאגן,
קוועלט מײַן קוואלנדיקער מײדל-ווײַן
אין דײַן שומיק בלוט ארײַן –
ווערסטו יונג אזוי און ווילד,
נאר די אויגן גלעטן מילד,
און די הענט איבערן לײַב
סוד'ען ווייך —
ווײַב – ווײַב . . .

ווע‌פּט דאס פײַער פון צימער אויס
און עס שטײַט די נאכט אויף, שווארץ און גרויס.
אויגן שליסן הײם זיך צו,
ווינט זיך אום דער קאָפּ אין רו –
און די הענט איבערן לײַב
גלעטן – גלעטן –
ווײַב – ווײַב . . .

פאַרטאָג

פאַרטאָג אַז דו פאַרלאָזט מיין בעט
ציט מיין הייסער גוף זיך מיט געבעט . . .
דיינע שלעפּערדיקע טריט הינטערן טיר
דערנעענטערן דיך צו מיר.

דורכן פענצטער קוקט אריין די גאַס
לייגט אויפן קאָלדרע אַ העלן פּאַס,
רינגלען קליינע זון־פלעקן אַרום
טאַנצן אויפן קאָפּ און אויפן קישן אום.

צערטלען זיי די אויגן מיינע —
זאָג איך זיי אַז איך בין דיינע . . .
גלעטן זיי מיין האַלז,
און קושן מיר די ליפּן אויס,
סודען מיר אין אויער ווילד:
עס גייט דער טאָג איצט אויף דער וועלט אַרויס.

לאָז איך שפּילן זיי אויף מיינע פינגער,
אויף די הענט.
ביז זיי גייען אויס
אין די ווינקלען פון די ווענט.

שמייכל ליבער

שמייכל ליבער, קוק מיר אין געזיכט,
פון דיינע ווייסע ציין
שטראָמט אַזויפיל וואַרעם ליכט,
וואָס דערמאָנט אָן ווייסן צווייט,
אָן בלעטעלאַך - ,,פאַרגעס מיך נישט‘‘

דיינע אויגן – שפּיגל בלויער,
זיי דערמאָנען פרילינג־טייכן
וואָס ציען זיך צו גרינע לאַנען,
און גלעטן די הויכע העלזער
פון די שוואַנען.

שמייכל ליבער, קוק אויף מיר,
איך האָב די זעגלען אַנגעצויגן,
און וועל אָפּלאָזן מיין שיף
אויפן טייך פון דיינע שפּיגל־בלויע אויגן . . .

טרינק צו מיר

טרינק צו מיר, אָ, טרינק צו מיר —
מיט דיינע אויגן, ניט מיט וויין.
כ'וויל שכור זיין, שכור זיין,
מיט דיינע אויגנס שיין.

ליב מיך שטיל, צערטל מיך,
גלעט מיט דיינע פינגער מיר די האר —
קוש מיך לייכט, ווי עס קושט א קינד
און מיט לויטערן געמיט פארשווינד . . .

ביינק צו מיר, אָ, ביינק צו מיר —
ווי עס ביינקען מיינע אויגן צום ווייטן הימל־ראנד;
קום צו מיר, אין חלום נאר —
ווי קינדער קומען צו אן אויסגע'חלומט לאנד . . .

רעגן רייניקט

נישט ציטער אזוי ליבער,
ניט שרעק זיך פארן רעגן.
רעגן וואשט דאס בייז פון הארץ –
וועט גאט די זינד פארגיבן.

נאך א רעגן ווערט דער הימל
לויטערער און ריינער,
לאמיר שפילן זיך ווי קינדער,
מיין סודות׳דיקער, שיינער.

נעם מיך אט אזוי אָ אנעט
פאר די הענט די קליינע ;
איך בין דאך סיי ווי סיי א קליינע,
סיי ווי סיי א קליינע . . .

לאז מיר זיך אזוי באהאלטן
אין דיינע הענט די ווייסע
און דערצייל פון אלע טויזנט
מיר די שענסטע מעשה.

א געזאַנג

שלעכטער דו, —
האסט פאַרגעסן ?
האסט דאך צוגעזאגט מיר, קומען,
און געהייסן וואַרטן . . . .

איך זיץ דאָ שעה'ען־ווייס ביים טייכל,
צייל דאס לויפן פון די קליינע וועלן,
הער זיי זינגען און דערציילן —
און איך ווייס ניט וואס זיי ווילן . . .

זאל איך מיט זיי א גרוס דיר שיקן ?
ווייס איך דאך ניט,
ווייס איך דאך ניט, —
אפשר זאָגן זיי מיר נאָר
אז דו האסט אָן מיר פאַרגעסן ?

אין וואַרטן

ס׳שטייט דער טיש געגרייט שוין לאַנג,
די בעכער פול מיט קאַלטן וויין,
און ווי אין זומער א רייפע זאַנג,
פלאַטער איך מיט וואַרטן פול און גרייט. –
כ׳האָב אַנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד.

איך האָב אין אַלע ווינקלען פון מיין וואָך
שבת אָנגעצונדן.
און די טיר געעפנט ברייט –
כ׳האָב פון טיר און פענצטער
ליכט־פּאַסן אויף יעדן וועג געשפּרייט.

און אין האַרץ ביי מיר
זינגט זיך שטיל דיין נאָמען –
וועסטו קומען, וועסטו קומען ?

דיין בליק ווי ווײַן

פארפלעכט פון דיינע הענט א ווינקל,
און וויג מיך, וויג מיך אזוי איין.
פארשלים דיין טיר אויף זיבן שלעסער,
און לאָז קיינעם ניט אריין.

איך האב אזוי פיל יונג געלעכטער
וואס קלינגט פון הארץ, ווי זילבער דין,
כ׳וועל דיין שטוב מיט דעם באצירן —
וועט דיין פענצטער לויכטן גרין.

דו האסט ליכטיק גוטע אויגן;
וויג מיך אין דיין חלום איין,
רעד צו מיר מיט דיינע אויגן,
עס באַרוישט דיין בליק ווי ווײַן . . .

בלויער אינגל

בלויער אינגל דו ביסט לופּטיק,
דיינע אויגן — פרישע קוואַלן,
דיינע גלידער זיינען דופּטיק
און עס שמעקט פון זיי מיט קאָרן.

בלייב אַ אינגל אַזאַ בלויער –
לאַז הייננען אין דער לופט דעם טרויער,
צי אים ניט אויף דיינע אויגן,
זיי מיין ראָזער רעגנבויגן –

צי זיך אויס איבער מיין הימל,
וועלן מיר אין לייכטן דרעמל
רייטן ווייט, ווי פייל פון בויגן,
ביים ראַנד פון הימל זיך פאַרנויגן.

מיין גערטנער

כ׳האָב א קליינעם גארטן פאר מיין טיר,
קומט ניט קיינער פארזייען אים פאר מיר
און ניט צעאקערט שטייט די ערד.
קוק איך ווי עס שאָטנט זיך שלעפעריק אראָפּ די נאכט,
גיי איך שלאָפן אין מיין ווארים בעט
און לאָז אליין מיין גאָרטן שטיין הינטער דער טיר . . .

אין אזעלכע פרישע פרילינג־נעכט
שטייט מיין גארטן ניט פארזייט . . .
ברויט און ווייַן האָב איך אָנגעגרייט
און א ווייך און ווארים בעט, –
קומט ווער עסן ביי מיין טיש,
שלאָפן אין מיין בעט,
וועט יענער טרינקען גאָר מיין ווייַן
און וועט מיין גערטנער זיין . . .

מיין ליבע

פלאטער מיין ליבע –
גיי אויף אין זיינע גאלדן-גרויע אויגן,
גרין אויף אויף דער ערד וואו ער טרעט.
באקרוין זיין בלאָנדן קאָפּ.

זעץ זיך אויפן ראנד פון זיין בעט
מיין ליבע
און דערצייל אים פון מיר:
אז איך האב פארברענט
הינטער זיך אלע בריקן פון זינד,
מיין ליבע – מיין קינד.

ווײַנשל רײַסן

נעם מיך אין דײַן טאַטנס גאָרטן.
און באַהאַלט מיך דאָרטן,
דעק מיך צו מיט ווײַנשל־בלעטער,
און טיף אין אָוונט — שפּעטער, שפּעטער,
ווען דאָס געסל וועט שוין שלאָפֿן —
קליינע וועט דאך גאָט ניט שטראָפֿן . . .
זאָלסטו קומען, איך וועל וואַרטן.

וועלן מיר רײַסן ווײַנשל, טרויבן,
און שטילערהייד, ווי יונגע טויבן,
וועלן מיר זיך גלײַך צעטיילן —
זאָלסט נאָר קיינעם ניט דערציילן!

א געבעט

שיינק ליבע מיין הארץ –
אָ, באשיינק מיך מיט גלויבן,
און לאז מיר פארגעסן דאָס בייז
וואָס מיר איז געשען !
מאך ווארעם און ריין מיינע הענט
ווי די פליגלען פון טויבן . . .

באשטראל מיין געזיכט
מיט דיין הייליק, געלייטערטן ליכט –
אָ, באשער מיר נאָר ליבע און גלויבן.

עפּן דיין טיר

ווינג מיך איין
אין דיין שיין,
פאַרגיב מיינע זינד.
כ'בין אַ קינד,
איך בין אַ קינד
וואָס יאָגט זיך נאָך ווינט . . .

היט מיינע טריט –
זיי פאַלן פאַר'חלשט
ווי בלעטלאַך צוויט.
בענטש מיינע הענט –
וואָס בעטן צו דיר:
אָ, עפּן דיין טיר!

פאַרטרויט

כ׳האָב פאַרטרויט מײַן טרוים
א לויפנדיקע כוואַליע —
זויס אים קיינער ניט
קיינער ניט . . .

כ׳האָב פאַרטרויט מײַן בליק
דעם ווייטן הימל —
קען אים קיינער ניט,
קיינער ניט . . .

כ׳האָב פאַרטרויט מײַן סוד
א בלינדן נעפּל —
זעט אים קיינער ניט,
קיינער ניט . . .

כ׳האָב פאַרטרויט מײַן האַרץ
צו דיר מײַן ליבער —
היט עס אָפּ מײַן גאָלד,
היט עס אָפּ . . .

דיין ליד צו מיר

כ'פרעג גאנץ אָפט, ווען איך קוק אויף דיר:
וואו איז דיין ליד, דיין ליד צו מיר?
אַז איך קוק זיך אין דיין פּנים איין,
זע איך שיינען א העלע שיין,
וואָס דערפרייט מיך און באהעלט
און עפנט פאר מיר א וואונדער וועלט . . .
הער איך זיך איין אין דיינע טריט
דערהער איך קלאָר דיין שטילסטע ליד;
דיין טיפסטע ליד פון פרייד און זאָרגן –
דאָס ליד פון אלעמען פארבאָרגן
ווערט מיר ליב דאס לאנגע ווארטן,
דעם יום־טוב ניגן דעם לאנג געגארטן,
פיל איך שוין אין הארץ ביי מיר –
דאס שטומע ליד צו מיר פון דיר . . .

כ'האָב דיך ליב

כ'האָב דיך ליב אז דו ביזט אומרואיק,
ווען עס באָדט דיין פּנים זיך אין רויטן ליכט.
איך האָב דיך אַזוי ליב ווען דו ביזט נאַריש, —
אין דיין נאַרישקייט ביזטו געטריי און שיין . . .

ווען די שפּילסט זיך מיט מיין ליבע,
דרעמלט דער טאָג אין דיינע אויגן איין;
און פון אונזער שפּיל אין ליבע
שטייגט אַ בלויע, אַראָפּ די נאַכט . . .

ס'איז דאָך אַזוי גוט צו שפּילן מיט אַ גרויסן אינגל,
ס'איז מיר אַזוי גוט צו הערן, ווי דו נאַרסט מיך אָפּ, —
שפּיל זיך, שפּיל זיך מיט מיין ליבע,
נאַר מיך אָפּ . . .

פון דערווייט

ס'האָט א נאָענטער פון דערווייט צו מיר געטראכט –
האָב איך זיין געדאנק פארנומען אין מיטן נאכט,
און האב ביז גרויסן טאג שוין געוואכט.

א נאָענטער האט פון דערווייט צו מיר געביינקט –
האפּ איך יענע נאכט פאר זיך אליין געוויינט,
ארום מיר האט זיך געדרייט דער ווייטער רוף,
ווי א בלודנע שאָף.

פארשייט

דיינע ליפּן – דינער זייד
זיי שמייכלען איגנליש-ליב,
ווי פארשייט זיי רופן מיך . . .

דיין קליינער קאפּ איז מיידליש נאָר,
מיינע פינגער ציען זיך פארביינקט
צו דיינע ווייכע בלאָנדע האָר.

אומגעריכט

גאָר פּלוצים וועל איך קומען,
אין די הענט מיט בעז און בלומען.
וועסטו קוקן פאַרווירט, פאַרלאָרן:
וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן?
דו, אין ווייסן,
און מיט בלומען?
אזוי אומגעריכט געקומען.

וועל איך דיר דערציילן
טויזנט וואונדערלאכע זאכן,
וועסטו, ווי א אינגל א פארליבטער
זיך איינהערן,
און לאכן, לאכן – – – –

אין שטויב

אינם שטויב פון דיינע ווענט רוען מיינע שעה'ען.
שעה'ען פון פארנאכטן און פרימארגנס.
געוועבט מיט ליכט און צער פון דיינע אויגן
לייכטן מיינע שעה'ען,
מיינע אויסגעלעבטע שעה'ען . . .

ניט שטויב אפ דעם שטויב פון דיינע ווענט —
לאז רוען דארטן אלע טעג און נעכט,
וואס מיר האבן אין שטילקייט אויסגעוועבט,
פון אויגן־שמייכלען און ניט גערעדטע רייד . . .

ריידן זיי אמאל צו דיר?
גריסן זיי דיך ווען?
צי אפשר שעמען זיי זיך נאר
פאר דיינע שמייכלענדיקע גרויע אויגן?

דיינע אויגן זענען ענלאך דאך אזוי
צום שטויב פון דיינע ווענט,
צו מיינע שטומע אויסגעלעבטע שעה'ען . . .

צעשטערן

אויף דיינע תאוה׳דיקע ליפּן
שפּילט א זאַטער שמייכל –
ס׳ווילט זיך מיר אזוי
צעשטערן דיר דיין רו,
ווי דו האסט מיינע מיר צעשטערט –
גלעט איך דיין ווייסן שטערן,
דיינע ווייכע האָר . . .

אין געבעט

קוקסט מיר אין די אויגן
און וועקסט דעם דרעמלענדיקן טרויער. –
עס מאָנען דיינע שטאַרקע הענט ביי מיר,
ווי ביי דער ערד דער פויער . . .

מיטן אקער אין דער האנט,
און א הארץ א פולס מיט גלויבן ;
בויגט דער פעלד־מענטש זיך צו דר'ערד
און איז מתפלל מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. –

אזוי בויגסטו זיך איבער מיר אין פרומע נעכט
מיט ציטערדיקע פינגער און פולע אויגן.
פון דיין הייסן אָטעם הייליקן זיך די ווענט,
האלט גאָט איבער אונז א ליכטיקן בויגן . . .

ווען דו גייסט אוועק

אָוונטצייט, ווען דו גייסט אוועק,
ווייסטו דען מיט וויפיל שרעק
איך קוק אויף דיר ארויס ?
און תמיד וויל איך בעטן דיך :
ניט גיי אוועק, ניט גיי !
קוק איך נאָך
ביז דו פארמאכסט די טיר,
און בלייב זיצן שטום
און ווארט אויף דיר — — — —

און אז דו קומסט אהיים,
שוין שפעט,
טרעפסטו מיך ווי א ברוגז קינד
אין א ווינקל פוןברייטן בעט . . .

גייסט אוועק

די פיר עלנטע ווינקלען
פון אונזער איינציקן צימער,
ריידן צו מיר:
גייסט אוועק און פארנעמסט דיינע קליידער —
דאס סודות'דיקע געזאנג פון זייד . . .

גייסט אוועק
און לאָזט איבער דיין אומעט
וואָס בלאָנקעט ארום אויף די ווענט —
און ער וועט דאָ קומען,
וועט אומגיין פארטרויערט:
מיט א געבויגענעם קאָפּ
און פאר'חלש'טע הענט . . .

אין געזאנג פון זייד

אין די פאלדן פון מיין זיידן קלייד
באהאלטן זיך
די פלאמען פון דיינע בייזע רייד.
ציטערט דאס געזאנג פון זייד
אין בלויען פלאם,
און גייט אויף אין מיר ווי סם . . .

דו האָסט ליב געזאנג פון זייד –
ווען סטו שפילן
אויף די פאלדן פון מיין קלייד,
דאס לעצטע ליד פון ליבע . . .

איך וועל מער צו דיר ניט קומען

כ'בין ארויסגעגאַנגען אין גאס נאָכהאַלבן טאָג, און מיר איז לייכט
געווען און פריילאך,
נאָר מיד זיינען געוועזן מיינע פיס און מיר איז אזוי גוט געווען וואס
איך בין מיד.
איינזאם־אומעטיק האבן רעשטלאך שניי ארויסגעקוקט פון די ווינקלען
אויף מיינע טרעפּ —
ווי די לעצטע מחותנים אויף א חתונה־פּארטאג . . .
קוקנדיק צום שניי האב איך געטראכט, אז דו האסט אזעלכע מילדע אויגן
און איך וועל היינט צו דיר נישט גיין.
בין איך געגאנגען גלאט אזוי זיך אין די גאסן, עס אָטעמט אזוי
פריילאך היינט דער הימל . . .

כ'האב געטראכט, אז היינט ביסטו אליין, און מיר איז קאלט
און גוט, און מיד זענען מיינע פיס.
איך וועל היינט צו דיר נישט גיין, האב איך געקלערט —
בין איך אין א קראם אריין, האב שאָקאָלאד געקויפט און האב געטראכט:
דו ביזט א נאשער . . .
א בלאס אינגל האט לעבעדיקע בלומען, אויף א ראָג פון גאס, פארקויפט.
עס האבן אזוי ווייך געקוקט אויף מיר דעם אינגלס אויגן,
האב איך געטראכט, — אז דו האסט ליב רויטע רויזן.

כ'האב געקויפט צוויי רויטע רויזן, און בין געגאנגען אין ווייטע,
אומבאקאנטע גאסן.
דו ביזט אין דער היים נישטא, האב איך געקלערט, און האב
אויפגעעפנט שטיל דיין טיר . . .
דו האסט אזוי דערפרייט זיך מיט די בלומען און העל געלאכט,
מיט אפּעטיט האָסטו געגעסן שאָקאָלאד און האסט געלויבט מיין בלויע קלייד
מיר איז אזוי אומעטיק געווארן, שווער און מיד בין איך געווען און עלנט.—
כ'וועל מער צו דיר נישט קומען, האב איך געטוליעט זיך צו דיר . . .

ג

שלאָף

דער זייגער איז אַכט –
נו, שלאָף שוין, מיין קינד,
הערסט, אויפן באַרג
האָט צעלאַכט זיך דער ווינט.

לאַכט ער און לאַכט,
און יאָגט זיך נאָך הינט.
שלעפערט ער איין
וואו עס וויינט נאָר אַ קינד.

איך וועל דיך פאַרוויגן
און היטן מיין קינד –
ווי דער פּאַסטעך די שאָף,
און וועל בעטן
ביי גאָט פאַר דיר שלאָף.

נאכט

דורך דער נאכט, אין דער ווייט
וויינט א לויפנדיקער באן.
וועקט מיין קינד זיך אויף,
שטרעקט די הענטלאך אויס –
מאמע – מא – – –
בלייבט דער קול פון באן,
דאָס געבעט פון קינד
הענגען אין דער הויך –
ציען ביידע זיך
אין דער נאכט אריין,
נאכן ווייטן בויגן רויך . . .
עס האט א הונט פון הויף
זיך אין גאס פארביינקט
בילט ער דורך דער נאכט,
און רייסט דעם טויער.
שפאנט די נאכט אין שווארץ,
רייסט פון זיך דאס הארץ
און שפייזט יעדן מיט איר טרויער.

אין בלוי

אז איך קוק אין דעם בלוי פון הימל
ווערט מיין געמיט לייכט,
די טיפע בלוי
רופט צו פרידלאכער היימלאַכקייט,
צו היימישן שבת . . .

ווען איך קוק אין דעם בלוי
פון מיין מיידלס אויגן,
זע איך:
גאָלדענע שיפלאך
אויף א טיף־בלויען הימל.
און איך א קליין ארעם מיידעלע,
וואס דער טאטע איז מיר געשטארבן,
חלום פון די גאלדענע שיפלאך –
וואס פירן צו גאט –
צום טאטן, –
הויך – ווייט – – –

שפּיל זיך

שפּיל זיך, שפּיל –
ווי די הינדעלאך אין הויף,
וואס לויפן נאך דער גרויסער הון,
אט פלאנטערן זיי זיך איין
אין די ליכטיקע פעדעם זון.
און דאס ווייסע קעלבעלע ביים פּלויט
שפּילט זיך מיט דער מאמע־קו –
און די קו מוקעט צו:
מו – מו – מו – – – –
און די קאַץ וואס דרעמלט אויף דער שוועל,
גלעט אליין איר סאמעטענע פעל,
אט, זשמורעט זי די אויגלאך –
זי האט דערזען פון ווייטן פייגעלאך.
שפּיל זיך, שפּיל.

וויג זיך

וויג זיך חלום, וויג זיך
מיטן וויגעלע פון מיין קינד;
און שטיל איין אין מיר
דאָס פיינלאכע געשריי פון זינד.

כ'האָב זיך דערמאָנט –
אז נאָענט ארום מיר,
האָב איך אויפגעשטעלט א וואנט –
א קינד, א מאן
און וועל שוין אזוי גיין
מיין וועג אין שפאן . . .

גיי שוין, ווינטער

גיי שוין ווינטער, גיי שוין!
לאָז שוין אויפגרינען דעם וואלד.
הערסט: ער וויינט.
איך האב א קינד א קליינס
איז דעם קאלט.

שטייט א בוים הינטער מיין פענצטער
איינגעשרומפן, —
ברעכט זיך איין פון קעלט,
ער שטרעקט די הוילע אָרעמס
צו דער וועלט – – –

מיין קינד רייסט פון אונטערן קאלדרע די קליינע הענט,
מיין הארץ אין פיין פאר אלעמענס געוויין
איז צו דיר געווענדט:
גיי שוין ווינטער,
גיי שוין.

א ליד

דו שלאָפסט אצינד
און אָטעמסט שטיל,
מיין טייערע, מיין איינציקע —
מיין קינד.

דיין פרישער אָטעם לאשטשעט לינד,
מיר איז אומעטיק מיט זיך אליין,
נאר גוט איז מיר צו היטן דיך אין שלאָף,
מיין קינד.

נו, שלאָף געזונט;
עס שוועבן אום ארום דיין וויג
חלומות גרינג,
און עס בליט דיין ווינעלע אין רו,
ווי יונגער בעז —
מיין טייערע, מיין איינציקע,
מיין קינד.

א ליד

קלאָרער רעגן פאַלט פון שוואַרצע פליגל.
עס וויינט מיין מיידעלע אין וויגל —
פליסן אירע העלע טרערן
און פינקלען מיט דעם שיין פון שטערן.

ס'זינגט דער רעגן שטילע טענער,
דאָס געזאַנג פון ווייסע פענער:
שלום, שלום, שלום, שלום,
לאַכט מיין מיידעלע אין חלום. — —

מיין קינד

צו מיין קינד —
מיין העלער שטערן
לייכט צו מיר אראָפּ,
און ווען דו וועסט גרעסער ווערן
שווין איבער מיין קאָפּ —
וועט מיין קאָפּ זיך הייבן העכער
אין דעם קרייז פון ליכט.
וועט זיך אָפּשפּיגלען מיין יונגקייט
אין דיין אויפגעגאַנגען ליכט . . .

מיינע אָפּגעקילטע פלאמען
וועלן אויפגליען אין דיר —
ווי אין פרילינג ריינע קוואלן
וועלן אָנשלאָגן אין מיר . . .

❖

כ'האָב א טאָכטער דיר געבוירן
האָסט מיך ליב דערפאר,
איז מיין מיידל־רייץ שוין פארלאָרן? —
רופסט מיך מער ניט
קליינער נאר . . .

כ'האב א טאָכטער דיר געבוירן
שפּילסטו זיך מיט איר,
פרייסטו זיך מיט אירם א שמייכל
און פארגעסט אן מיר . . .

זומערדיק

איך בין פול מיט זומער,
כאָטש ביי אונז אין לאנד
פליט שוין פלינק ארום דער הארבסט
מיט אָפּגעבראָכענע פליגל.

מיין האלב־יאָריק מיידעלע
פּאטשט מיט הענטעלאך צום טאטן,
פלאַטערט אום דאס לאכן אירס,
ווי ווייסע בליטן.

מיין האלב־יאָריק מיידעלע
האלט אין אירע אויגן
מיינע אלע, אלע פרילינגס —
און זיי גרינען דארט און בליען,
און ווערן רייפע, העלע זומערס. —

דערפאר בין איך פול מיט זומער,
כאָטש אויף אונזער ערד
טריפט שוין הארבסט אראָפּ
שטעכיק־קאלטן שפריי . . .

א ליד

אומעטיק נאר רואיק
קוקן צו מיר אריין די ווייסע דעכער,
מיינע אויגן בלאנדזשען ארום
אין ווייסן בלענד,
און זוכן אביסל רו פארן געמיט.

כ'וואלט אזוי געוואלט –
זיך ארויסשלייכן פון די ווענט,
ארויסגליטשן זיך
פון מיינע אייגענע הענט,
און אוועקלאזן זיך
איבער דער ווייסער ווייט – – –

זיך אויסגלייכן
מיט דער ברייטער, ווייטער רו –
שטיל ווערן,
נאר הערן:
ווי מיין טאכטער וואקסט, רעדט,
און טרעט פעסט איבער דער ערד –
מיין בעט . . .

זון

אויף די פענצטער, אויף די טירן,
האט דער טאָג זיך רויט פארצווייגן,
קוקט מען צו דער זון ארויף –
אוי, וויפיל פייערדיקע אויגן
און די ערד זעט, נאר זעט,
זי באָדט זיך אין אזויפיל פארבן –
אָט זענען רויטע, געלע, העלע,
און זעט נאר וויפיל ווייסע!
עס איז שענער נאך דער טאג
פון דער שענסטער מעשה . . .

אין חלום

אין חלום זע איך דיך –
א יאָריק אינגעלע מיט בלאָנדע האָר
און אויפן וואָר –
גייט מיר נאָך יענער שווארצער טאָג
מיט איין העלן שטראַל –
דיין ערשטער אויסגעשריי פון קומען אויף דער וועלט.
אצינד אז ס'שטייט א יאָר שוין ביי דיין קליינעם קבר,
טראכט איך פון א יאָריק קינד
וואס פרייט זיך מיטן ערשטן שפאן –
ס' גייט דאָס קינד אריין אליין אין שפאן . . .

תמיד פיל איך ווי ס'הייגנט נאָך איבער מיר
דיין בלינד געוויין –
און מיר איז גוט פארטייעט זיין און גלויבן,
אז נאָענט ארום מיר איז דיין קול פאראן,
און גאָר ניט־ווייט גייט אויף מיין זון . . .
וואקסט, ווערט גרויס,
און דאס קול רופט:
מאמע קום!–
קום! – – –

מיין זון

אָן מיינע ווענט
האט אָנגעקלונגען שארף
דאָס קול פון א ניי–געבוירן קינד,
און האט זיך גיך פארטראָגן
אויפן פלאטער פונם ווינט.

הער איך איין זיך
אינעם פאלן פונם קלאָרן שניי –
אזוי לויטער איז געווען דאך
דער ערשט־געבוירענער געשריי . . .

מיט אויגן עטוואס אָפן
האט עס דורכגעשוועבט די וועלט –
א טראָפן טוי אין שיין פון זון,
געפאלן און פארגעלט . . .

ניי - געצונדן

האָסט באהערשט אין מיר
דאָס פריע מיידלשע נעפּיל,
וואָס האָט דיין באַגער צו מיר,
ווי פלאַם, אָנגעצונדן –
כ'האב א קינד געבוירן,
האָב א פרייע זיך געבונדן . . .

זע איך ווי מיין מיידעלע בליט,
ס'שמעקט פון איר מיט יונגן צוויט,
און זי פלאַפּלט: גיי, גיי, גיי;
שפילט אויף אין מיר דאס בלוט, ווי ווײַן,
ווער איך שיכור ביזן טיפסטן פּיין –
בין איך פריי, און ניי געצונדן
און מיר איז גוט צו זיין געבונדן . . .

העגטעלאך

מיין שבע־מאַשעלען

מיין טאָכטערס קליינע הענטעלאך,
מיט לאנגע, צארטע פינגערלאך,
שפילן אויף די דינסטע סטרונעס
פון מיין הארץ.

ווען זי גלעט מיט אירע פינגערלאך
מיינע אויגן –
ווערט מיין וועלט א רעגנבויגן,
דאָס איינגע הויז ווערט גרויס, –
ס'פאלן אָפּ די ווענט, דער דאך, דער דיל,
און אלץ ארום איז רויס –
שפּיל – – – – – – –

קינד און רויס,
און כישוף'דיקע פארבן,
איך וואלט זיך געקענט אויסמישן מיט רויס,
כ'וואָלט געוואָלט זיך אויסלאָזן אין פרייד –
שטארבן. – – – –

אפּריל

אויף די ווייסע בייטן פון ווינטער
טאנצט לוסטיק ארום
דער אינגלינג אפּריל.

ער ווייט מיט זיין אָטעם
דאָס זילבער אַרונטער —
ער איז וואַך און איז מונטער.

וועק אויף דעם זומער!
דו שטיפער, דו קליינער.
ס'ביינקען די קינדער אין גראָז זיך צו שפּילן.
נו, וועק־זשע די גראָזן!
ס'מאָנען די הינטלאך, און בילן:
מיר ווילן,
מיר ווילן,
מיר ווילן . . .

ר

מיין פּרינץ -- דער בעקער

מיין פּרינץ –
מיין מאַן דער בעקער.
ווי עס קומט נאָר אָן די נאַכט,
טוסטו אויס פון קאָפּ די קרוין,
טוסט אויס פון זיך דאָס בלויע קלייד,
ציסט א קלייד פון לייוונט אָן.

דעם יום טוב פון די אויגן טוסטו אויס.
שלייכסט פון פּאַלאַץ זיך אַרויס.
אָט בלייבסטו שטיין ביים קעלער־שטוב –
אזוי ווי יוסף פאר דער גרוב,
בייגסט איין דיין שטאָלצן קאָפּ
און גייסט די שמאָלע טרעפּ אַראָפּ –
דאָ איבער א פולן מולטער ברויט
שטייט מיין פּרינץ –
מיין מאַן דער בעקער
אין א לייוונטענעם קלייד.
ביי דעם אָנגעהייצטן אויוון
בריט ער און צעברענט די הענט,
און דאָס פייער גרויסט זיך, רייצט זיך:
דאָ ווערן דיינע נעכט פאַרברענט . . .
דאָרט דיין לידיק בעט – דער פּאַלאַץ
שטייט פון הימלס אויג באַוואכט,
דיין פארלאָזענע פּרינצעסן
דערוואכט דיין קומען נאכט נאָך נאַכט.
ס׳טוט די איידעלע פּרינצעסן
ניט אויס פון זיך דאָס קלייד.
עס קען דער שלאָף ווער ווייסט, חלילה,
אויסטרינקען די פולע בריסט מיט פרייד . . .

און די קליינינקע פּרינצעסן
שטעכט דעם שלאָף די אויגן אויס –
ער זאָל ניט זען דעם וועג צום פּאַלאַץ,
עס זאָל דאָס בעט זיין גלאַט און ריין,
ביז עס וועט דאָס ראָז פון מאָרגן
ברייננגען דעם פּרינץ אין בלוי אַ היים . . .

זוכן ברויט

גייסט זוכן ברויט,
איך קוק דיר נאָך –
פאלט דיין שאָטן טרויעריק צו מיינע פיס
און קושט דעם זוים פון מיין קלייד.

פארלאָזסט דאס הויז
טאג איין, טאג אויס – – –

זאָגסט מיר צו דעם שבת־טאג,
ווארט איך שטיל מיט דיר אין יאָך –
דערפיר צום שבת קוים די וואך.
און דער איינער, איינציקער שבת
בליט אויף אויף אונזער פראָסטן טיש,
איבער אונזער וואָכיק ברויט.
און רוט אין אונזער ווייסן בעט.

וואו איך וואוין

אין דער גאס וואו איך וואוין,
וואוינען ארבעטער אין נידעריקע שטיבער.
קומט דער אָוונט צוגיין
אויף דער גאס וואו איך וואוין,
קומען ארבעטער פון טאָג־יאָך א היים –
זעצט מען זיך אויס,
די משפחה ווי גרויס:
מ'עסט און מ'רעדט,
מ'דערציילט און מ'עסט;
און עס פרייט זיך דער טיש
מיט די אייגענע געסט.

דאס קליין ביסעלע גליק

איך וואוין אין אן אָרימער גאס, –
קומט צו מיין פענצטער פון דרויסן
הארטער געשריי
און פיינלאכער כעס.
קוקן אין פענצטער אריין
פראָסטיקע אויגן פון נוינט,
און קינדערשער צאָרן –
ברויט – ברויט. – – –

נעם איך מיין קינד אויף דער האנט,
צעעפן די פענצטער פון הויז;
און צעקלינג מיין קליין ביסל גליק
צו דער ארימער גאס,
דורכן פענצטער ארויס . . .

מאן

מאן מיט אַקסל פּעסט און ברייט,
וואָס טראָגט די שווערע לאַסט פון טאָג –
די זאָרג פאר ברויט.

עס דערווייטערט דיך דער טאָג פון מיר
ביז טיפן אָוונט.
און אין די לאַנגע ווינטער נעכט
וויקלסטו זיך ביי מיין זייט
אַזוי קינדעריש־אומבאַהאָלפן . . .

איך, אַ קליינע פרוי,
מיט בלייכע־מוטערלאַכע הענט
פארשפּיל זיך מיט מיין קינד פון נאַכט –
און שלעפער איין דעם שווער־באַיאָכטן מאַן פון טאָג.

מאַן מיט ווייטן סוד פון טאָג,
מיט נאָענטקייט פון נאַכט,
מיט עלנטן פאַרטרויען אויף פאַרמאַכטע אויגן;
ווי ווייט דו זאָלסט פון מיר ניט זיין
גייסטו אויף פאַר מיר
אין פאַרבן פון אַ רעגנבויגן . . .

פלעטשערס פעלד

אויף פלעטשערס פעלד שפּילט דער רייפער זומער,
ליגט איבערן פעלד דאס גראז
אין טונקלע שטרייפן
און אין העלן ראָז.

די קינדער וועגעלאך וויגן זיך גרינג,
און פארשלאפן פאלן די טריט פון די מאמעס:
שא! — — —
דאָס פעלד דרעמלט.

קינדער שלאָפן נאָכמיטאג־שלאף,
און אטעמען דעם פרישן ריח פון ערד.
די שלאפנדיקע קינדער
באדן זיך אין ווארים ליכט פון זון.

און ווען די זון שיקט שוין די לעצטע בליקן,
קומען אן מידע די טאטעס פון פאבריקן
און זעצן אוים זיך לעבן ווייב און קינדער
אָפּרוען פון שווערן טאג,
און אויסגלייכן די רוקנס
און פארשטייפטע פינגער.

סעפטעמבער

כ'שטיי פארן רייך פון סעפטעמבער
מיט אָפענע אָרעמס און אויגן.
כ'שנייד אין דער לופט זיך אריין,
אזוי פלינק, אזוי שארף,
ווי א פייל פון א בויגן.

טעג אין בלוי־גאָלדענע קרוינען
וויקלען ארום אונזער שטאָט, –
מ'דארף וויסן דאָס גאָלד ווי צו שוינען –
ווייל וויפיל גיט אונז דען גאָט ?

כ'באהאלט דאָס בחדרי־חדרים ;
פאר יענע וואָס קענען ניט נעמען,
פאַר די וואס וואָגלען אין תפיסות,
פאר דעם וואס איז קראנק
און איז אָרים . . .

עס רעגנט

עס רעגנט און רעגנט, און רעגנט —
וואלט איך איצט א בילנדן באגעגנט,
געצונדן וואלט איך פאר אים דעם וועג
צו ליכטיק, פארלארענע טעג.

דאָס בלווילאכע ליכט אין די טראָפּנדלאך רעגן,
באלייכט און דערפרייט אלע טונקעלע וועגן.
כ׳קלייב דא און זאמל די טראָפּנדלאַך רעגן, —
פון בלווילאכן ליכט וועל איך שמידן א ליכטיקן בויגן,
וועל אָנצינדן אלע פארלאָשענע אויגן . . .

פאר די וואָס וואָגלען אויף איינזאמע וועגן,
קלייב איך דאָ טראָפּנסווייז
ליכטיקן רעגן . . .

לעצטע טראָפּן

די לעצטע טראָפּן בלוט פון זומער
בלייבן הייגגען אויף דאַרע בלעטער
פון די אבל'דיקעביימער,
און פאלן איינציקווייז אראָפּ
אויף די שלעפּערדיקע אקסל
פון באנאכטיקן שומר.

אויף די אָרעמע גאסן —
קנעטן מידע פיס
אין קאלטער בלאָטע איין
די טויטע בלעטער,
און ס'וויינען אין כאָר מיט די פיס
די טרעפּ פון די צופוילטע ברעטער,

אין דער אָרעמער גאס
ווערט געבוירן מיין ליד,
צווישן אלעמענס עלנט און נויטן.
מיט יעדערנס טויט
שפּארט מיין טויט אין דערמיט —
דער שטילסטער פון אלעמענס טויט.

מיין זיידנס הויז

דעם זיידנס הויז
איז אלט און גרויס,
און קוקט באדאכט
צום שליאך ארויס.

און דער אלטער ספרים־אלמער
שטייט א ליידיקער אין קאמער,
ס'איז אוועק דער זיידע
צו זיין אייביק, הייליק הויז . . .

און דער פריפעטשאָק דער ווייסער
שטייט פאררויכערט און פארלאָזט –
ס'האט די קליינע, בייזע באָבע
די פלינקע הענט אראָפּגעלאָזט . . .

פרעמד שטייט דעם זיידנס אלט הויז
און קוקט באדאכט
צום נייעם שליאך ארויס . . .

א י נ ה א ל ט :

פריהארבסט	5
פרי אין דארף	6
שניטער	7
ערד	8
אַנטקעגן	9
טריפט אַ רעגן	10
אויפן וואסער	11
מיין פרייד	12
אין שפיגל	13
א נייע בלייפען	14
שווארץ אויף ווייס	15
עדנע סיינט ווינסענט מיליי	16
טויער פון נאַכט	17
יונגע פרייד	18
אין גראז	19
ארויף בארג	20
א ליד	21
אויף ווייסע פליגל	22
מיד	23
צו מיר	24
טרויער מיינער	25
אקעגן מיין פענצטער	26
זומער־פינאל	27
נאוועמבער	28
ערשטער שניי	29
מיין שטוב	30
מאן און ווייב	31
ביים ראנד	32
שבעה	33
דער טויט	34
איבער קברים	35
איך וועל קומען	36

א מינוט אזא	37
ווייטע שטעט	38
שא – שטיל	39
אין חלום	40
דער מאמעס ליכט	41
מיין מאמעס לייכטער	42
ווייטע היים	43
דו	47
אויף ווייטע וועגן	48
גערופן	49
ס'קען ניט בעסער זיין	50
אינאיינעם	51
באַקראַנץ מיין קאָפּ	52
אין לופט	53
גיב מיר די לבנה	54
אויפן וועג	55
אין קריג מיט דיר	56
יונגער ווייַן	57
פארטאג	58
שמייכל ליבער	59
טרינק צו מיר	60
רעגן רייניקט	61
א געזאנג	62
אין ווארטן	63
דיין בליק ווי וויין	64
בלויער אינגל	65
מיין גערטנער	66
מיין ליבע	67
ווײַנשל רייסן	68
א געבעט	69
עפן דיין טיר	70
פארטרויט	71
דיין ליד צו מיר	72
כ'האב דיך ליב	73

פון דער ווייט. | פארשייט. 74
אומגעריכט 75
אין שטויב 76
צעשטערן 77
אין געבעט 78
ווען דו גייסט אוועק 79
גייסט אוועק 80
אין געזאנג פון זייד 81
איך וועל מער צו דיר ניט קומען 82
שלאָף 85
נאכט 86
אין בלוי 87
שפּיל זיך 88
וויג זיך 89
גיי שוין, ווינטער 90
א ליד 91
א ליד 92
מיין קינד 93
. . . 94
זומערדיק 95
א ליד 96
זון 97
אין חלום 98
מיין זון
ניי געצונדן 100
הענטלאך 101
אפּריל 102
מיין פּרינץ – דער בעקער 105
זוכן ברויט • 107
וואו איך וואוין 108
דאס קליין ביסל גליק 109
מאַן 110
פלעטשער פעלד 111
סעפּטעמבער 112
עס רעגנט 113
לעצטע טראָפּן 114
מיין ויידנס הויז 115